# וואָס ביזטוּ קאָטינקע באַרוגעז?

אויפֿגענוּמען ביי יצחק קאַצענעלסאָן, לאָדז

וואָס ביִזטוּ קאָטינקע באַרוגעז,
וואָס געהסטוּ אַראָבגעלאָזט די נאָז?
אוי, אפֿשר ווילסטוּ וויִסען פֿוּן מיין יחוּס
אוּן פֿוּן וואָנען אוּן פֿוּן וואָס.

מיין טאָטע איז אַ שמאָרעוואָזניִק,
דיִ מאָמע גנב´עט פֿיש אין מאַרק;
אוּן דער ברוּדער איז אַ קאַרטאָזשניק,
אוּן דיִ שוועסטער ... טי די דיִ די דיִ די דאָם ...

דער פֿעטער איִז געשטאַנען אין דיִ ראָגעז,
דיִ מוּמע - אַ הענדלערקע אין גאַס;
אוּן דער ברוּדער זיִצט איִן דיִ אָסטראָגען,
אוּן דיִ שוועסטער ... טיִ דיִ די די דיִ דיִ דאָם ...

דער זיידע איִז געווען אַ שוחט,
דיִ באָבע - אַ טוּקערען אין באָד;
אוּן אַליין בין איִך אַ ממזר,
אוּן גענוּמען בין איִך פֿוּן פּריוּט ...